## דב סדן

# צו די אַנהויבן פון דער נסתר

### א

צו די אַנהויבן פון דער נסתר, וואָס באַווייזן שוין, אין מיניאַטור, זיינע באַזונדערע און אייגענע זוכענישן, איז לעצטנס צוגעקומען אַ וואָגיק געפינס — דאָס קליינע בינטל העברעישע לידער זיינע, וואָס דער יונגער ליטעראַטור־פאָרשער אברהם נאָווערשטערן האָט אָפּגעזוכט אין נחום סאָקאָלאָווס אַרכיוו, אין צענטראַלן ציוניסטישן אַרכיוו אין ירושלים. דאָס בינטל, אין פנחס כהנאָוויטש (קאַגאַנאָוויטש) עצם כתב־יד "פרחי נוער" (= יוגנט־בלומען), איז שוין איצט אַ רשות־הרבים — עס איז אָפּגעדרוקט אין "בחינות", אַ צייטשריפט פאַר שטודיעס און פאָרשונגען פון די פּראָבלעמען פון די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע (באַנד 7, 1977, ז״ז 134—143). איך האָב דאָרט געבראַכט אַ קורצן אַריינפיר (ז״ז 128—133), ווו איך האָב אָנגעוויזן אויפן חשיבות פונעם כתב־יד, סיי לגבי דעם מחבר און זיין כוונה זיך צו לאָזן אויפן וועג פון צוויי־שפּראַכיקער שאַפערישקייט, ווי זי איז אָנגעגאַנגען אין דער ליטעראַטור, ביי אירע דעמאָלטיקע שפּיצן (מענדעלע, שלום־עליכם, דוד פרישמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, י. ל. פרץ, ח. נ. ביאַליק); סיי לגבי דער מחבר׳ס פּאָעטישער און שפּראַכלעכער גאָר אָריגינעלער באַזונדערקייט, אין פאַרגלייך מיט דער דעמאָלטיקער נייערער העברעישער פּאָעזיע. דאָס בינטל לידער איז לויט די דאַטעס, וואָס זענען אָנגעגעבן ביי עטלעכע פון זיי (1902—1903), מסתמא אַנטשטאַנען אין דער ערשטער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט; סיי לגבי דער טאָפּעלער קשיא: 1. אַ היפּאָטעטישע — וואָס וואָלט געווען, ווען דער נסתר וואָלט געגאַנגען אויפן צווייִשפּראַכיקן וועג; און דאָ, פאַרשטייט זיך, קענען זיין מער אָדער ווייניקער באַגרינדטע השערות, אָבער אַלץ בלויז השערות; 2. אַ ממשדיקע — וואָס איז געשען מיט זיין העברעישן פאַרמעג און זיינע פּאָטענציעלע אויסדרוק־מעגלעכקייטן, און דאָ, פאַרשטייט זיך, בעטן זיך אחריותדיקע פאַרלאָזלעכע שטודיעס און אַנאַליזעס.

### ב

נישט וועלנדיק זיך איבערחזרן, בעט איך דעם לייענער אַ קוק דערלאַנגען אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר מיינעם, בעיקר קאַפּיטל ג׳ און ד׳, ווו איך פּרוּוו אַנאַליזירן די שפּראַכלעכע קאָמפּאָנענטן און דעם אָריגינעלן באַשטרעב זיי צו אינטעגרירן, און דערלויב מיר דאָ צו ברענגען דעם עיקר רעיון פון קאַפּיטל ד׳, אַזוי־צו־זאָגן: אַ פאַרגלייך צווישן דער העברעיש־פּאָעזיע פונעם מחבר, אין דערמאָנטן כתב־יד, און צווישן דער יידיש־פּאָעזיע זיינער אין זיין ערשטלינג, וואָס איז אַרויס אין דרוק "געדאַנקען און מאָטיוון" (תרס״ז), שוין אָפּגעשמועסט פון זיין קומענדיקן בוך "געזאַנג און געבעט" (תרע״ג),



באַווייזט אַ שטאַרקן חילוק פון ניוואָ און מדרגה, — זיין העברעיש־גאַנג, מיט זיין גאַנצער אָריגינעלקייט, דערגרייכט נישט זיין יידיש־גאַנג. אָט אַזאַ חילוק לאָזט זיך, אין יענע יאָרן, מערקן ביי אַן אַנדערן מחבר, וואָס איז געגאַנגען אַ פאַרקערטן וועג אין פּראָזע — עס איז ש״י טשאַטשקעס, שפּעטער עגנון, וואָס זיין אָנהויב איז געווען אויף יידיש, אָבער דער המשך און סוף בלויז העברעיש, און וואָס זיינע פּראָזע־ערשטלינגען ווייזן אַ פאַרקערטע פּראָפּאָרציע — די העברעיש־פּרוּוון דערגרייכן ווייט נישט די לעבע־דיקייט און דעם חן פון די יידיש־פּרוּוון זיינע, און איך האָב מיך שוין באַמיט צו דערגיין דעם סוד פון דער דיאַלעקטיק. משמע, פּונקט ווי לויטן בינטל לידער און דערציילונגען אין בוטשאַטשער "וועקער" וכדומה, איז שווער זיך משער זיין, אַז ש״י טשאַטשקעס וועט ווערן ש״י עגנון, אַזוי איז, לויטן בינטל "פרחי נוער", שווער משער צו זיין, אַז פנחס כהנאָוויטש וועט ווערן דער נסתר, ווי ער אַנטפּלעקט זיך, נאָך ווייניק יאָרן, אין זיין פּאָעזיע, וואָס איז בדרך כלל נישט זיין מאַקסימאַלסטע מעגלעכקייט, ווי עס איז זיין פּראָזע. לגבי ש״י עגנון ווייסן מיר קלאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיינע ערשטע, סיי יידישע, סיי העברעישע, לידער און דערציילונגען, און מיר קענען פאַרגלייכן, וואָס איז געווען די מדרגה פון זיין אויפטו אין ביידע שפּראַכן אין דער זעלבער צייט (צווישן תרס״ד און תרס״ט) — און איך שטעל זיך דערויף ברייטלעך אָפּ אין מיין אַריינפיר צו ש״י טשאַטשקעס חיבורים, וואָס ער האָט גרונטיק געשריבן יידיש, און וואָס וועלן בקרוב דערשיינען — אָבער נישט אַזוי לגבי פנחס כהנאָוויטש: דאָ קענען מיר ניט ציען אַזאַ פאַרגלייך און קענען ממילא נישט באַשטימען, אויב זיין שפּרונג אין דער הויך, ווי מיר באַמערקן אים אין "געדאַנקען און מאָטיוון" איז שוין פאָרגעקומען בשעת ער האָט מחבר געווען דאָס העברעישע לידער־בינטל, אָדער שפּעטער; אָבער עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ נישט איבעריק גרויסן צייט־אָפּשטאַנד — ווייל צווישן תרס״ב — תרס״ג און צווישן תרס״ז ליגן בלויז ווייניקע יאָרן.

### ג

וואָס עס דערוועקט דעם באַזונדערן אינטערעס אונדזערן, איז די קשיא, צי האָבן מיר שוין אין "פרחי נוער" צו טאָן מיט מאָטיוון, וואָס זענען, ווי קערנער פאַר אַ שפּעטערדיקן וווּקס און אַנטוויקלונג. איך האָב, אין דערמאָנטן אַריינפיר, שוין אָנגעוויזן אויף אַן עראָטיש צוויי־טייליק ליד, און וויל איצט מיין דאָרט אַרויסגעזאָגטן געדאַנג עפּעס מער אויסברייטערן. דער ערשטער טייל פון ליד גייט:

– לִבֵּךְ גַּן־רָטוֹב, גַּן רַעֲנָן!
עֲרֻגוֹתָיו – שָׁדַיִךְ,
שְׂפָתַיִךְ – וְרָדָיו, לְחָיַיִךְ – שׁוֹשַׁנָּיו,
עֵינוֹתָיו – עֵינַיִךְ.



ירושלמער אַלמאַנאַך 9 (1977)

– ״אַךְ מַדּוּעַ כֹּה בֹּשֵׁשׁ הַמְשׁוֹרֵר?
״מָכָה הַצַּמֶּרֶת, שַׁח, נוּגֶה הָאָמִיר,
״אֲבֵלִים הַסְּבָכִים, מַר בּוֹכִים הַתְּלָמִים. –
״יָבוֹא וִיזַמֵּר זְמִירוֹתָיו הַזָּמִיר!״

טייטש: דיין האַרץ אַ פייכטער גאַרטן, אַ צווייגהאַפטיקער גאַרטן:
זיינע בייטן — דיינע בריסטן; דיינע ליפּן — זיינע רויזן:
דיינע באַקן — זיינע ליליעס; זיינע קוואַלן — דיינע אויגן;
אָבער פאַרוואָס זוימט אַזוי דער זינגער (דיכטער); נידעריק דער בוים־שפּיץ, געבויגן, אומעטיק, אומעטיק דער בוים־שפּיץ, אומעטיק די קוסטן, ביטער וויינען די בייטן. זאָל קומען דער זינגער און זינגען זיינע געזאַנגען דער סאָלאָוויי.

מיר גיבן, פאַרשטייט זיך, אַ געטרייען, יידיש פּראָזאַישן און, ממילא אָרעמען און פאַראַרעמדיקן, איבערזעץ־נוסח, וואָס שפּיגלט נישט אָפּ דעם מקור, נישט זיינע אַסאָציאַטיווע רמזים, נישט זיינע סינאָנימע ניואַנסירונגען, און נישט זייערע כוונות, און מחמת דעם דערלויבן מיר זיך אויף עטלעכע פון זיי אָנצוווינקען, כדי אָנצווייזן, ווי אַזוי די עראָטיזאַציע פון דער נאַטור איז דאָ צוגעגאַנגען, און דאָס איז דער פאַרעם פון אַ טאָפּעלעם משל און נמשל: אַ גאַרטן אין צעבלי, אַ בוים און אַ פעלד אין צעפאַל. די פאַרגלייכן זענען שכיח אין דער פּאָעזיע, פון דער עלטסטער ביז דער יינגסטער, דערונטער קאָנוועציעס, וואָס ווילן אויפפרישן דעם גרונטיקן טעם, אַ זאַך, וואָס עס געלינגט זעלטן, און דאָס בלויז ביי אמתע פּאָעטן, און צו יענער צייט זיינען עס, אין דער העברעישער פּאָעזיע, געווען בעיקר ביאַליק און טשערניכאָווסקי, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג אַרויסגעגעבן זייערע ערשטע ביכלעך.

## ד

**לבך גן רטוב, גן רענן** — דער תנ״ך האָט דער אַדיעקטיוו **רטוב** (פייכט) בלויז איין מאָל, און דאָס אין שייכות מיט גאָרטן, לשון נקבה פון גן — גנה (גאָרטן), און דער פסוק גייט: ״רטוב הוא לפני שמש ועל גנתו יונקתו תצא״ (איוב ח׳, ט״ז). טייטש: פייכטיק איז ער פאַר דער זון און אויף זיין גאָרטן גייט אַרויס זיין שפּראָץ. דער פסוק איז אַריינגעפלאָכטן אין דער תוכחה פון איוב׳ס פריינד, בלדד השוחי, אין אַ כלל־בילד פון אַ נעגאַטיוון מענטשלעכן באַשטאַנד. אָבער אין דער שפּעטערער שפּראַך איז **גן רטוב** אַ סעקסועל־עראָטישע מליצה, און דער גראַם **מזל טוב — כגן רטוב** באַשיינט דעם שטר פון תנאים און חופּה־וקידושין. **גן רענן** — אין היינטיקן שפּראַך־באַנוץ מיינט דער אַדיעקטיוו: רענן — פריש, אָבער דער אמתער באַטייט גייט, ווי אין טייטש: צווייגהאַפטיק, און פון זיינע אַכצן באַנוצן אין תנ״ך האָט דאָס רוב צו טאָן מיט אַ בוים, צומאָל אַ באַשטימטן בוים, זיין טייל (בלאַט), אָדער פּראָדוקט (בוימל). אין דער נמשל האָט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס ווערן פאַרגליכן מיט ביימער, און גאָר בולט זענען צוויי באַנוצן — דעם צדיק וואָס בליט און דער רשע וואָס פאַרבליט. די נעגאַטיוו־סעקסועלע נאָטע, וואָס



באַגלייט דאָס וואָרט רענן, נעמט זיך פון דער אָפטער מליצה: **תחת כל עץ רענן**, וואָס ווערט אָנגעווענדעט לגבי אַן אויסגעלאַסענער פרוי אָדער איר נמשל; אָבער אין דער שפּעטערער פּאָעזיע האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּאָזיטיוו־עראָטישע נאָטע מחמת דעם פסוק אין שיר־השירים: הנך יפה רעיתי, הנך יפה עיניך יונים / הנך יפה דודי אף נעים אף ערשנו רעננה (א׳, ט״ו—ט״ז) טייטש: שיין ביסטו, מיין פריינדין, דיינע אויגן [זענען] טויבן, שיין ביסטו, מיין פריינד, אויך ליבלעך, אויך אונדזער שפּאַן־בעט איז צווייגהאַפטיק (לויט יהואש: גרין איז אונדזער געלעגער).

און סוף־סוף איז דאָך שיר־השירים דער גרויסער אָנשפּאַר פאַר דער עראָטיזאַציע פון דער נאַטור; אַ ראיה די באַקאַנטע פאַרגלייכן, וואָס האָבן זייער אַ רייכן אָפּקלאַנג, נאָכקלאַנג און איבערקלאַנג אין דער פּאָעזיע, און אויך דער נסתר גייט זיי נאָך אין דעם געבראַכטן קליינעם ליד, און נאָך מער אין אַ פּאָעמע אין ״געזאַנג און געבעט״, ווו ער פאַרמעסט זיך אויף אַ רייכער און פּיקאַנטער פּאַראַפראַזע פון שיר השירים אשר לשלמה. אָבער צוריק צו אונדזער קליינעם ליד, כדי אויפמערקיק צו מאַכן אויף דעם מחבר׳ס שפּראַך־שפּילן: קודם כל מיט דעם זעלבן שורש: **עינותיך — עניך** — דאָס וואָרט **עין** באַטייט סיי אַן אויג, און זיין לשון רבים איז **עינים**; סיי אַ קוואַל, און זיין לשון רבים איז **עיינות**, נאָך מער **יבוא** ויזמר זמירותיו הזמיר, ווו דער שרש **זמר** האָט אַ דרייִיקן באַטייט: זינגען, געזאַנג, זינגפויגל, און גייט אויך פון שיר־השירים. **עת הזמיר הגיע**, וו דער גרונט־באַטייט פון וואָרט הזמיר האָט גיכער צו טאָן מיטן ווערב **זמר**, וואָס מיינט שניידן, און באַטייט: די צייט פון שניט, ווי טרויבן־שניט וכדומה, אַזוי איז **זמיר** געבויט ווי **חריש** (צייט פון אַקער), **קציר** (צייט פון תבואה־שניט), וכדומה, האָט זיך אָבער אין מדרש, איינגעקויפט דעם באַטייט פון זינגען און געזאַנג, אַזוי אַז ער, דער מדרש, וואַקלט זיך אין אויסטייטש פון עת הזמיר — עס איז צייט צו זינגען (שירת־הים), עס איז די צייט פון פאַרשניידן (פרעה און זיין חייל), און אין מיטלעלטער איז צוגעקומען דער באַטייט פון אַ זינגפויגל, און ערשט אין דער גאַר מאָדערנער צייט האָט זיך באַפעסטיקט דער באַטייט פון נאַכטיגאַל, סאָלאָוויי.

אינטערעסאַנט זענען אויך די פּאַראַלעל־באַנוצן: **רטוב־רענן; און בעיקר: ורדיו — שושניו**, וואָס באַטייטן אין פּאָפּולער־באַנוץ די זעלבע בלום, די רויז, אָבער זענען גרונטיק פאַרשיידן, דען דאָס מישנה־וואָרט ורד מיינט טאַקע ״ראָזאַ״, אָבער דאָס תנ״ך־וואָרט שנה מיינט ״ליליאַ״ מעגלעך אַז דער מחבר האַלט זיי אידענטיש, אפשר מיט אַ חילוק פון פאַרב, ווי עס פּאַסט זיך : טיף־רויט פאַר ליפּן, בלייך־רויט פאַר באַקן. וואָס שייך **צמרת־אמיר** זענען זיי אויך אין פּאָפּולער־באַנוץ אידענטיש; בוים־שפּיץ; די עלטערע טייטשן האָבן פאַר **צמרת** — העכסטער צווייג, אויבערשטער צווייג, וואָס געפינט זיך בלויז אין יחזקאל, און פאַר **אמיר** — האָבן זיי שפּיץ פון אויבערשטן צווייג, און געפינט זיך בלויז אין ישעיהו (און מעגלעך בלויז איין מאָל, ווייל החורש והאמיר זענען אפנים אַ פאַרגרייז פון צוויי פעלקער־נעמען החוי והאמורי, און אפילו רש״י רעדט דאָרט וועגן ערי האמורי, און מעגלעך אַז אויך **ערוגות** און **תלמים** זענען אידענטיש און מיינען בייטן, אָבער דער ערשטער באַנוץ גייט אין אַן אויפגעלעבטער אַטמאָספער, און זיין מקור איז אין שיר השירים: לחייו כערוגת הבושם (ה׳, י״ג), טייטש: זיינע באַקן [זענען] ווי אַ בייט

בשמים; דער אַנדערער באַנוץ ווייטער גייט אין אַן אומעטיקער אַטמאָספער, און זיין מקור איז איוב: אם עלי אדמתי תזעק ויחד תלמיה יבכיון (לא ל״ח), טייטש: ווען איבער מיר וועט שרייען מיין ערד און צוזאַמען וועלן אירע בייטן וויינען. סינאָנים זענען אויך די ווערבן: מכה (הצמרת) — שח (האמיר), וואָס ביידע מיינען נידעריק, געבויגן, — דער ווערב פון שורש מכך, פון וועלכן מכה איז געבילדט, געפינט זיך בלויז אין ויקרא און מיינט דורכוועגס אָרעם זיין, אָבער פון ענלעכן שורש מכך מיינט עס טאַקע נידעריק זיין.

די שאלה: אך מדוע כה בושש המשורר, שפאַרט זיך אַסאָציאַטיוו אַן אויף די צוויי איינציקע תנ״ך באַנוצן פונעם ווערב אין דער פיעל־פאָרעם: בושש, און דאָס אין קאָנטראַסט: 1. לגבי משה רבינו: וירא העם כי בושש משה לרדת ויקהל העם על אהרן (שמות, ל״ב, א׳). טייטש: און עס האָט געזען דאָס פאָלק, אַז עס זוימט זיך משה אַראָפּצוגיין, האָט זיך דאָס פאָלק פאַרזאַמלט אַרום אהרן; 2. לגבי סיסרא, ווען דבורה הנביאה לייגט אַריין אין מויל פון זיין מאַמע: מדוע בושש רכבו לבוא, מדוע אחרו פעמי מרכבותיו (שופטים ה׳, כ״ח). טייטש: פאַרוואָס זוימט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען, פאַרוואָס פאַרשפּעטיקן די טריט פון זיינע רייטוועגן. די שאלה איז, אין אונדזער ליד, געווענדט צום דיכטער, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט דעם אויפבלי און קומט שוין צום אָפּבלי, און ווערט אויפגעפאָדערט צו זינגען, מסתמא פון אַ געהיימער האָפענונג, אַז ער קען דעם אָפּבלי אָפּרופן.

### ה

אַז די האָפענונג האָט זיך אויף וואָס סומך צו זיין, ווערט קלאָר פון צווייטן ליד, ווו מיר האָבן אַן אַנדערן, שאַרפערן פאַרגלייך — אַן עראָטיזאַציע פון בית המקדש:

– אַתְּ כֻּלֵּךְ בֵּית מִקְדָּשׁ! לִבֵּךְ הָאָרוֹן,
לוּחוֹתָיו – שָׁדַיִךְ,
מִצְחֵךְ – פָּרָכְתּוֹ, עֵינַיִךְ – כְּרוּבָיו,
כַּנְפֵיהֶם – עַפְעַפַּיִךְ.
– ״אַךְ כֹּהֵן אֵין בּוֹ – בְּכֵן מִזְבְּחוֹ שָׁמֵם:
״אֵין מַקְרִיב קָרְבָּנוֹ, אֵין מַקְטִיר לְבוֹנָתוֹ,
״עוֹלָה אֵין מַעֲלֶה, מִנְחָה אֵין מַגִּישׁ. –
״יָבוֹא הַכֹּהֵן וִיכַהֵן כְּהֻנָּתוֹ!״

טייטש: דו ביסט אין גאַנצן (בית) מקדש; דיין האַרץ — דער ארון; זיינע לוחות — דיינע בריסטן; דיין שטערן — זיין פרוכת, דיינע אויגן — זיינע כרובים; זייערע פליגל — דיינע וויעס, אָבער אַ כהן איז אין אים נישטאָ — איז טאַקע זיין מידבר וויסט; קיינער איז ניט מקריב זיין קרבן; דעמפט נישט זיין ווייראך; ברענגט נישט קיין קרבן



עולה, דערלאַנגט נישט קיין קרבן מנחה; זאָל קומען דער כהן און מכהן זיין אין זיין כהונה. דאַ האָבן מיר בפירוש צו טאָן מיטן גאַנג פון מדרש אויף שיר־השירים, ווו די אַלעגאָריע פאַרנמשלט סאַקראַל דאָס עראָטישע משלים־וואַרג. דער חילוק צווישן ביידע טיילן ליד באַטייט דערינען, וואָס אין ערשטן טייל האָבן מיר פאַר זיך די פרוי — אַ גאָרטן, וואָס וואַרט אויפן משורר, וועלכער זוימט זיך צו קומען און איז גורם אַן אָפּבלי און אָפּפאַל, און ווערט אויפגעפאָדערט צו קומען און זיין אויפלעבעדיקן געזאַנג צו זינגען; אין אַנדערן טייל ווייטער האָבן מיר פאַר זיך די פרוי — דאָס בית־מקדש, וואָס איז חרוב ונחרב, און וואַרט אויפן כהן, ער זאָל קומען און מחדש זיין די כהונה. וואָס שייך די ביידע אויפפאָדערונגען, סיי: יבוא ויזמר, סיי יבוא הכהן, גייט די ערשטע פון שיר השירים: יבוא דודי לגנו, טייטש: זאָל קומען מיין פריינד אין זיין גאָרטן, און די אַנדערע גייט פון תורת כהנים, ווו מיר האָבן: ואחר כן יבוא הכהן לראות (ויקרא י״ד, ל״ו); בזאת יבוא אהרן אל הקודש (דאָרט, ט״ז, ב׳) וכדומה.

מען דאַרף נישט קיין איבעריקע ראיות, אַז דער נסתר זעט נישט בלויז דעם משורר, נאָר אויך, און אפשר בעיקר, דעם כהן אין זיך אַליין — געגנוג דורכצולייענען זיין פאָעמע וועגן חורבן און די כהנים און זייער שליחות, און נאָך מער זיין דערציילונג ״נייגייסט״, ווו ער טרעט אויף מיט זיין אייגענעם נאָמען: פנחס, דער זון פון מנחם הכהן, ווי אַ באַנייער פון בית מקדש און מזבח, אַזוי אַז מיר זעען, וואָס דער קערן פון דעם קליינעם לידל אין כתב יד האָט שפּעטער אויסגעצייטיקט.

אָבער צוריק צום קליינעם ליד. כדי צו באַמערקן, אַז די עראָטיזאַציע פון די בגדי־כהונה איז אַ גלגול פון זייער קאָסמיזאַציע, ווי מיר האָבן זי אין ספר בן סירא, אין קאַפּיטל וועגן שמעון בן יוחנן הכהן, און אין פיוט מיטן רעפריין: מראה כהן, וואָס מיר זאָגן צו מוסף אום יום כיפור. אוודאי וואָלט כדאי געווען דעם מאָטיוו נאָכצוגיין, ווי ער שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור, אין די לעצטע דורות, וואָס פאַרמאָגן סיי ענלעכע, סיי פאַרקערטע דוגמות, אַפילו אין דער שפּעטער השכלה־דיכטונג — ווי אַ קליינער משל יעקב ביבערינג, וואָס, באַשרייבנדיק אַן אָוונט־שטימונג, זאָגט ער: ככהן משוח בהיכל התפארת / בא הערב בריח קטורה / בצניף מלוכה ומעטה אדרת / וכאסיפת הלויים במקום מה נורא! / ינצחו הצלילים הגווני כנורות / והקורא יהי! / והתגוללו המאורות״ (״אגודת שושנים״, ווין תרל״ו, ז׳ 80). טייטש: ווי דער כהן דער געזאַלבטער אין טעמפּל פון פּראַכט, קומט דער אָוונט מיט געשמאַק פון דעמפונג, אין אַ קיניגלעכער טיאַרע, און אַ מאַנטל־היל, און ווי אַ געזעמל פון לויים אין אָרט וואָס איז אַזוי שרעקלעך (יעקב אבינו׳ס אויסרוף נאָך זיין לייטער־חלום אין בית־אל), וועלן קלינגען די געברומען פון פידלען דעם וואָס רופט: זאָל זיין, און עס וועלן זיך אָפּוויקלען די ליכטער. שוין אָפּגעשמועסט פון פאָלקישער דיכטונג — אַ קליינער משל אברהם גאָלדפאַדען (״שבת, זונטיק און ראש חודש״), לא כל שכן מאָדערנע דיכטונג — אַ בולטע דוגמה ח. נ. ביאַליק (״על לבבכם השמם״), ווו מיר האָבן אַ סמיכות: על מקדש לבבכם, משמע: אויפן בית־מקדש פון אייער האַרץ, אַן ענין וואָס פאַרדינט אַ באַזונדערע שטודיע.

און מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַ גאָר יונגער דוגמה לגבי דעם פאַרגלייך: פרוי — קאָסמאָס — עס איז דאָס ליד פון מ. מ. שאַפיר: סימעטריע — מיסטעריע (״מיט צוגענייגטע

ריד״, מאָנטרעאַל, 1977, ז׳ 75), לאמור: ״סימעטריע פאַרמאָגט די אותיות פון מיסטעריע /. גאָטס חכמה — נישט נאָר וווּנדערלעך און גוט איז זי, / נאָר אויכעט שיין. / אַ פּאַראַדיגמע איז דער קערפּער פון דער פרוי — מע דאַרף נישט מיין. // מיט דריי משולשן / האָט גאָט געבויט דעם קערפּער פון דער פרוי — / אַזוי: — / די אויגן מיטן מויל — איז דריי, / און גאָט איז דאָ דער פערטער — / ער האָט זיי געהייסן, מיט די שטילסטע ווערטער, / אַז דאָס מויל זאָל זיין / דאָס קול פון דער נשמה לאָזן שיין צו הערן; / און די אויגן — אויף צו זען, און קוקן גינציק, / און אַמאָל צו לאָזן גוטע טרערן. // אויך די פּאַכוועס מיטן נאַפּל זיינען דריי: / אויך דאָ איז גאָט דער פערטער — / ער איז דאָ אין אַלע שטילע ערטער. // אויך די טראַכט און ביידע מילעכקוואַלן / זיינען דריי, וואָס ווייזן גאָט / אין זיין חסדיקער סודותדיקער שטראַלונג. // יאַ, ביי אַלע אָט די דריי / איז דאָ דער לעבעדיקער גאָט דערביי — / ער ווייזט זיך אונדז אין אַלערליי געשטאַלטן, /נאָר ער ליגט באַהאַלטן״.

ו

מיר וואָלטן זיך געמיטן מיט אונדזער חוב, מיר זאָלן נישט אונטערשטרייכן, אַז דער כהן — און כהונה־קאָמפּאָנענט ביי דער נסתר, וואָס איז אין דעם קליינעם ליד געבונדן מיטן ליבע־מאָטיוו, און איז, מחמת זיין אייגענעם יחוס, אויסגעוואַקסן צו אַ כהן — און כהונה־קאָמפּלעקס, גייט אויף דער ליניע פון זיין היסטאָריאָזאָפישער קאָנצעפּציע, וואָס נעמט אָן אַ דיאַלעקטישן צוזאַמענגוס פון אַלטן שליחות און רעוואָלוציאָנערן צייט־גייסט, וואָס איז, בעצם, אַ ניי־גייסט, ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט אין וועלט־געשיכטלעכע אַנטשטייד־שעהן, סיי גאָר ווייט, סיי גאָר נאָענט.

סיי גאָר ווייט — מיר האָבן שוין דערמאָנט זיין חורבן־פּאָעמע אין ״געבעט און געזאַנג״, און מיר ווילן איצט באַטראַכטן די ראָל, וואָס ווערט דאָ, האַלב קלאָר, האַלב־פאַרנעפּלט, צוגעשריבן דעם אותו איש. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען מחויב צו געדענקען, אַז וואָס שייך ברית־חדשה־מאָטיוון, וועלכע זענען אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער יידישער ליטעראַטור (און האָבן, מחמת פּאָלעמישער איבערגעלאָדנקייט עד היום נישט געקריגן דעם רעכטן, שאַרפן און ערנצטן באַהאַנדל), פאַרמאָגט זיי שוין דער נסתר פון סאַמע אָנהויב, אין זיין בוך ״געדאַנקען און מאָטיוון״, — אויב אין ״דער לעצטער מענטש״ לאָזט ער, אין אַ מין היציקער פאַנטאַסמאַגאָריע, כריסטוסן זיך טומלען צווישן אַהאַסווער בודדאַ און מעפיסטאָפעלעס (ער שרייבט: מפיסתופס, אפשר לויטן אויסלייג: מפיסתופל, ווי מאיר לעטעריס ברענגט עס אין זיין ״אלישע בן אבויה״, ווו ער האָט, כידוע, פאַראַרבעט געטע׳ס ״פאַוסט״), טאָ האָבן מיר אַ קלאָרן אותו־איש־ענין אין ״מרים״, וואָס זיין אונטער־טיטל גייט: ״אַ פירוש אויפן מאָטיוו פון ״מאַליטווי דיעווי״ משמע: תפילות פון דער בתולה, און מיר האַלטן נאָך איידער שלום אַש האָט געהאַט זיין באַגעגעניש אויפן וועג קיין בית־לחם, איידער פ. לעווערטאָוו האָט אַרויסגעלאָזט, אין לאָנדאָן, דעם עברית־איבערזעץ פון אויגוסטינוס ווידויים, און ישראל פּופּס דערוועקט אַ שטיקל שטורעם מיט זיינע פּראָ־קריסטלעכע דעות אין ״השלח״, אָבער די גאָט־זוכענישן אין דער רוסישער ליטעראַטור, מיט זייער קריסטלעכן אונטערשלאַג, שפּאַרן



אויך אָן אין קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ, און ווי משה קליינמאַן, וואָס האָט אַמאָל געוווינט און טעטיק געווען אין בערדיטשעוו, האָט עס מיר, אין אַ שמועס, דערקלערט: ווי עס האָט זיך דעמאָלט געקריסטלט, אַזוי האָט זיך געיידלט, און אַז ביי זיי האָט זיך היפּער־געקריסטלס, האָט זיך ביי אונדז, לפּחות, עפּעס געקריסטלט. ווי און אויף וויפל די וואַריאַציעס אויף די תפילות פון דער בתולה געהערן אַהער — דאַרף נאָך דורכגעפאָרשט ווערן, אָבער אַזוי ווי זיין ערשט ביכל איז פּאָרט אַ טיר פון זיין צווייטן ביכל, בעט זיך אַכט צו לייגן אויפן ענין פון שטערן, וואָס ווערט דערוואָרט: ״אַ שטיק צייט שוין / אַז מען זעט / זאָגן פּאַסטוכער פון לאַנד /, וואָס זיי פּאַשען / אויף די בערג / און זיי נעכטיקן מיט פי / אונטער הימל־הויך, — / א שטיק צייט שוין, / אז מען זעט / הויך אין הימל, / עפּעס גייט / ווי אַ שטערן / אום ביינאַכט / היין, צוריק / און לויפט און לויפט / העל און ליכטיק / און געשווינד / הויבט זיך אויף / און פאַרשווינדט / הויך און העכער / און נישט בלייבט״ (ז׳ 18). און צום באַטייט פון שטערן, הערן מיר ווייטער: ״און פון ווייט די חכמים / פון דער וועלט / פון אַתונאַ / פון דער שטאָט / און פון הודו / ווייטן לאַנד / שטייען זעערס אַלטע לייט — — / פרעגן, פרעגן וואָס באַטייט / יענער שטערן פון ביינאַכט / וואָס מען זעט אים / אַלע נאַכט / פון אַ לאַנגער צייט / שוין לאַנג״ (ז׳ 20).

ז

שליסנדיק פון שפּעטערן אויפן פריערן דער נסתר, פאַרשטייען מיר, אַז ער האָט, אויף זיין דור, פּאַראַיצטיקט אַן אַלטע מסורה וועגן גאולה־דערוואַרט און משיח־דערוואַרט, און מיר האַלטן, אַז עס איז די לעגענדאַרע מסורה, ווי מיר האָבן זי אין ברית חדשה: ״און ווען ישו איז געבוירן געוואָרן אין בית־לחם — זענען חכמים געקומען פון מזרח קיין ירושלים, או האָבן געזאָגט: ווו איז דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן דער מלך פון די יידן, וואָס מיר האָבן געזען זיין שטערן אין מזרח — האָט הורדוס גערופן די חכמים שטילערהייט און האָט ביי זיי גוט אויסגעפאָרשט די צייט, ווען דער שטערן האָט זיך באַוויזן — זענען זיי אַוועקגעגאַנגען און זע, דער שטערן, וואָס זיי האָבן געזען אין מזרח, איז פאַר זיי געגאַנגען, ביז ער איז געקומען און געבליבן שטיין איבער דעם אָרט, ווו דאָס יונגע קינד איז געווען, און ווען זיי האָבן געזען דעם שטערן, האָבן זיי זיך געפרייט זייער אַ גרויסע פרייד —״ (מתי ב׳, א׳—י׳). נאָך מער: ״און זיי זענען פּאַסטעכער געווען — וואָס האָבן גענעכטיקט אויפן פעלד, און האָבן געהיט זייער טשערעדע ביינאַכט, און אַ מלאך פונעם האַר איז ביי זיי געשטאַנען און די פּראַכט פונעם האַר האָט אַרום זיי געלויכטן, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט. האָט דער מלאך צו זיי געזאָגט: האָט נישט קיין מורא, ווייל איך ברענג אייך אַ גוטע בשורה פון פרויס פרייד פאַר אַלע פעלקער, ווייל היינט איז געבוירן געוואָרן דער רעטירער — און זיי זענען איילעק אוועק און האָבן געפונען מרים און יוסף און דאָס קינד ליגנדיק אין אַ זשלויב״ (לוקאַס, ב׳, ח׳—ט״ז).

ווי מיר זעען, גייען דאָ צוויי מסורות, איינע וועגן די חכמים פון מזרח, וואָס גייען

נאָך דעם שטערן, און איינע וועגן די פּאַסטעכער, וואָס דער מלאך גיט זיי איבער די בשורה. ביי דער נסתר זעען סיי די חכמים פון דער ווייט, סיי די פּאַסטעכער פון דער נאָענט, דעם שטערן און גייען אים נאָך. באמת, האָט די עוואַנגעליע־אינטערפּרעטאַציע געזוכט ביידע מסורות אויסצוגלייבן, און אַ שטייגער, יאָהאַן פּעטער העבעל, האָט אין זיין ביבל פאַרן פאָלק און פאַר קינדער, דערציילט צוערשט וועגן די פּאַסטעכער און שפּעטער וועגן די חכמי מזרח אַזוי צו זאָגן: „עס זענען געקומען אויך פון גאָט דערמאָנט, מיט קעסטלעכע מתנות קלוגע מענער פון מזרח, פון אַ פרעמד לאַנד קיין ירושלים, און האָבן געפרעגט: ווו איז דער נייגעבוירענער זון, קיניג פון די יידן, מיר האָבן זיין שטערן געזען אין מזרח־לאַנד און זענען געקומען אים צו אַכפּערן. זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געבוירן אין ירושלים, ווו עס האָט דעמאָלט געוווינט דער אומפרומער קיניג הורדוס. זיי האָבן נישט אַנדערש געקלערט, נאָר אַז גאַנץ ירושלים וועט זיין פול פרייד, און יעדעס קינד אויף דער גאַס וועט קענען געבן אַ תשובה אויף זייער קשיא. ווי האָבן זיי זיך פאַרוווּנדערט, אַז אַלץ איז געווען אַזוי שטיל. אַלץ איז געווען אזוי שטיל, גלייך עס וואָלט גאָרנישט געשען. ווען זיי האָבן געפרעגט, האָט ער גאָרנישט געוווּסט פון דעם נייגעבוירענעם וווּנדער־קינד. זיי זענען געקומען ביזן קיניג הורדוס. ער האָט אויך נאָך גאָרנישט געוווּסט, ער האָט ערשט געמוזט פון לאַנדפרעמדע מענטשן זיך דערוויסן, וואָס די מלאכים האָבן מבשׂן געווען צו די פרומע פּאַסטעכער״ (רהיין־פאַרלאַג, באַזל־לייפּציג, ז׳ 135).

לויט דער נסתר וואַנדערט דער שטערן, וואָס איז מבשׂר אַ וועלט־געשיכטלעכן איבערבראָך, און איז אַ זיך איבערחזרנדיק פענאָמען, און דאָס האָט ער פון אַ היימישער מסורה — וואָס הייבט זיך אָן מיט אברהם אבינו, וועגן אים ברענגט דאָך דער מדרש, אַז ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך באַוויזן אַ שטערן פון מזרח, וואָס האָט איינגעשלונגען פיר שטערן פון די פיר עקן פון דער וועלט, האָבן די חכמים געזאָגט נמרודן, אַז תרח וועט האָבן אַ זון, וואָס פון אים וועט אַרויס אַ פאָלק, וואָס וועט אַרבן ביידע וועלטן, און האָבן אים געעצהט, ער זאָל אים הרגענען. אונדזערע באָבעס האָבן דאָס געלייענט אין עלטערע אויסגאָבן פון צאינה וראינה; אונדזערע זיידעס ווייטער האָבן געלייענט אין „ספר הישר״: „ויהי בלילה ההוא עת הולדת את אברהם ויבואו כל עבדי תרח וכל חכמי נמרוד וכל חרטומיו ויאכלו וישתו בבית תרח וישמחו עמו בלילה ההוא / ויהי בצאת כל החכמים והחרטומים מבית תרח וישאו את עיניהם השמימה בלילה ההוא אל הכוכבים / ויראו והנה כוכב אחד גדול מאד בא ממזרח שמש וירץ בשמים ויבלע ארבעה כוכבים מארבע רוחות השמים״ (פרשת נח). טייטש: און עס איז געווען אין יענער נאַכט, בשעת אברהם איז געבוירן געוואָרן, זענען געקומען אַלע קנעכט פון תרח און אַלע חכמים פון נמרוד און אַלע זיינע כשופמאַכערס, און האָבן געגעסן און געטרונקען אין תרח׳ס הויז, און האָבן זיך מיט אים געפרייט אין יענער נאַכט; און ווען אַלע חכמים און כישופמאַכערס זענען אַרויס פון תרח׳ס הויז, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל אין יענער נאַכט, האָבן זיי געזען, אַז איין גרויסער שטערן קומט פון מזרח־זייט און לויפט אין הימל און פאַרשלינגט פיר שטערן פון די פיר זייטן הימל.

וואָס שייך דעם בילד — כדאַי צו ברענגען אַ פּאַעטישע ווערסיע פון אַ מאָדערנעם



דיכטער, ישראל אפרת: „ליל תכלת זרוע כוכבים אז היה על שדמות בית־לחם / ליל דממה, הזאבים לא בכו, התנים לא נשאו את קולם, / הרוחות הציעו משכבם על גלי הירדן השקטים, / ונדמה, היקום מטה אוזן ומקשיב ומחכה ומחכה. . . / ופתאום וכוכב־פז מזהיר בפאתי המזרח / ויגדל הכוכב ויגדל, / ראה! „מגן־דוד״ של זהב. . . / קול רינה באהלי בית־לחם, בן יולד משורש בן ישי / הלא הוא משיח ישראל וגאולת העולם בידו. . .״ („נא שירי בת־הלאָס״, אחיעבר תקפ״א, ז׳ 5). טייטש: אַ נאַכט אַ בלויע, שטערן־באַזייט, איז דעמאָלט אויף די פעלדער פון בית־לחם; אַ נאַכט פון שטילקייט, די וועלף האָבן ניט געוויינט, די שאַקאַלן האָבן נישט אויפגעהויבן זייער שטים, די ווינטן האָבן זייער געלעגער אויסגעבעט אויף די שטילע אינדן פון ירדן, און עס דוכט זיך, דער וועלט־באַשטאַנד נייגט אָן אויער און וואַרט און וואַרט; און פלוצים באַווייזט זיך אַ גלאַנציקער גאָלד־שטערן אין די ראַנד פון מזרח, און דער שטערן וואַקסט גרויס און גרעסער, און זע: אַ מגן דוד פון גלאַנץ; א שטים פון געזאַנג אין די געצעלטן פון בית לחם, אַ זון געבוירן פון וואָרצל בן־ישי, עס איז דאָך דער משיח פון ישראל און די גאולה פון דער וועלט איז אין זיין האַנט.

אגב, דער ענין פוו מגן דוד איז לגבי יענער ווייטער צייט א מין אַנאַכראָניזם — אזוי פרי האָט מען דעם העקסאַגראַם, ווי א דוד־שילד אדער דוד־שטערן, נישט געקאַנט. אמת, טולו נוסענבלאַט האָט געפּרווט באַווייזן, אַז די מחנות פון די שבטים אין דער מדבר האָבן געבילדט די פאָרם פון אַ מגן דוד (ייוואָ־בלעטער 1938, באַנד 13), אָבער דאָס האָט ניט קיין שום האָפּט, און כדאַי וועגן דעם פּראָבלעם דורכצולייענען די שטודיע פון גרושם שלום (אַמערשט אין „לוח הארץ״, תש״ט, שפּעטער אויסגעברייט אין זיין בוך „יודאַיקאַ״ (1936) — צווישן די פאַלשע השערות, וואָס ער איז מבטל, געפינט זיך אויך די הנחה פון ר׳ משה גאַסטער, אַז רבי עקיבא האט עס דעם מגן דוד איינגעפירט ווי אַ סימבאָל אין דער באַפרייונגס־מלחמה פון בר־כוכבא (זון פונעם שטערן), בשעת ר׳ יעקב רייפמאַן האָט געהאַלטן, אַז עס איז ביי יידן אַ פרעמד געוויקס. אָבער כאָטש גרשום שלום באַווייזט, ווי יונג דער סימבאָל איז, האַלט ער, אז נאָך דעם ווי ער איז, אין אונדזער דור, דורך יסורים און שרעק, געהייליקט געוואָרן, איז ער ראוי צו באַלייכטן דעם וועג צום לעבן און צום אויפבלי.

נאָך דעם באַמערק בעט זיך צו פאַרצייכענען, אַז ישראל אפרת באַנוצט זיך מיט אויטענטישע משיח־אַסאַציאַציעס -- בן יולד משורש בן ישי — די ווערטער: ילד יולד לנו בן ניתן לנו (ישעי׳ ט׳ ה׳). טייטש: דען אַ קינד איז אונדז געבוירן, אַ זון איז אונדז געגעבן, זענען, כידוע, דער אויפטאַקט צום באַשרייב פון דער משיחישער געשטאַלט אויף דודס שטול אין זיין קיניגרייך, און זענען, פאַרשטייט זיך, אין דער קריסטאָלאָגיע שטאַרק אויסגענוצט געוואָרן. ווייטער צו די ווערטער: משורש בן ישי — האָבן מיר: שורש ישי אשר עומד לנס עמים (ישעי׳ י״א). טייטש: דער וואָרצל ישי, וואָס שטייט ווי אַ פאַניר פון די פעלקער, און איז דער שלוס־טאַקט פון דער גראַנדיאָזסטן באַשרייב פון דער משיח־געשטאַלט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: ויצא חוטר מגזע ישי ונצר משורשיו יפרה (דאָרט, א׳), טייטש: און עס וועט אַרויס אַ ריטל פון שטאַם ישי, און אַ שפּראָץ פון זיינע וואָרצלען וועט זיך פרוכפּערן און אויך דאָס איז, פאַרשטייט זיך,

קריסטאַלאָגיש גאָר היפש עקספּלאָציטירט געוואָרן. און די דאָזיקע עקספּלאָאַטאַציע שאַפט אַ שטאַרקע שפּאַנונג ביים צוזאַמענשטויס פון יידישער און קריסטלעכער אינטערפּרעטאַציע.

## ח

מיר קערן זיך אום צוריק צום שטערן, דעם מבשר און סימבאל פון דעם גואל און דער גאולה, וואָס לויכט אויף אין די וועלט־געשיכטלעכע אַנטשייד־שעהן, כדי צו באַמערקן, אַז, בעצם, לויכט ער תמיד, — זאָגט דאָר נסתר, אין זיין פּאָעמע "מיר", וואָס איז אַ מין אכזריותדיק היסטאָריש־אַקטועלע אַליין־קריטיק פון יידישן פאָלק אין זיין וואַנדל איבער צייטן און ערטער, לאמור: / "דאָך מיר שלעפן / אונטערטעניק / און מיר קלאָגן זיך פאַר קיינעם /נאָר מיט אויגן / שטילע קוקן /אַלע נאַכט / ארויף צום הימל / און מיר קוקן נאָר / און זוכן / שטערן־שטערנדל / פון אויבן /דאָס אין הימל / ניט פאַרלירן / אין דער נאַכט / דאָס — אונדזער — הויכע / אונדז אין תפילה / און אויף וועג" (ז' 9). הייסט עס, אַז דער אויסקוק אויפן גאולה־שטערן איז אַ שטענדיקער, און ער קען אַ יעדע שעה און רגע ווערן דער גרויסער איבערקערערישער ממש, אין גייסט און זינען פון אחכה לו בכל יום שיבוא, טייטש: איך וועל אויף אים וואַרטן אַ יעדן טאָג ער זאָל קומען, און דער חילוק איז בלויז צווישן לאַטענטן און מאַניפעסטן שטערן־שטאַנד. אזוי ווי ער איז אָבער, אין געשיכטלעכן וואַנדל איין מאָל, און אפשר אפילו עטלעכע מאָל, מאַניפעסט געווען, פרעגט זיך די קשיא, ווי פאַרהאַלט זיך אַזאַ באַנעם לגבי דער מסורה, וואָס ווייסט נישט פון קיין משיח־לשעבר, נאָר בלויז וועגן א משיח לעתיד־לבוא. און עס איז אַ קשיא, וואָס פירט ביים באַזונדערן דער־נסתר־קאָמפּלעקס, דער כהונה זיינער, צו אַן אנדערער, נישט ווייניקער קאָמפּליצירטער קשיא — ווי פאַרהאַלט זיך דער באַנעם פון כהונה־אויפלעב, וואָס מיינט ממילא דעם בית־מקדש־אויפלעב, און דעם שאַרף אויטאָביאָגראַפיש צוגעשניטענעם פּרווו עס צו רעאַליזירן, און דאָס נישט אין זיינע מסורהדיק היסטאָריש־געאָגראַפישע געמאַרקן: אויפן הר הבית; האָבן מיר דאָך אין "ביי־גייסט" דעם כהונה־און־מקדש באַניי — דער באַנייער, און דאָס איז דער דיכטער אַליין, מיט זיין אייגענעם פולן נאָמען, און אין אַ קלאָר אויסגערעכנט יאָר, פינף טויזנט זעקס הונדערט און אכציק (1920), עטלעכע יאָר נאָך זיין באַנייטער נבואה, גייט ער אַרויף אין הימל, ווו עס געפינט זיך דער משכן, און באַגעגנט זיך מיט ר' ישמעאל, דעם לעצטן כהן גדול פון דעם בית שני, כדי זיך לבסוף פון אים צו דערוויסן, אַז זיין, פנחס הכנהס אָרט, איז נישט צו באַדינען דעם משכן אויבן, נאָר אַראָפּ אונטן, כדי דאָרט אַן אַנדערן, אַ נייעם משכן אויפצובויען. עס איז נישט אַזוי לייכט פון דעם סימבאָלישן און אַפּאָקאַליפּטישן דין, דין־פאַרפלאָנטערטן, וויזיאָנאַרן געשפּין, וואָס דער דיכטער לאָזט דאָ אויפפלימערן, אויסצושיילן די רעאַליטעט, אין וועלכער דער נייער משכן ווערט געבויט, אָבער זי איז געבונדן אין, אָרט און צייט, ווו און ווען די דיכטונג איז געשאַפן געוואָרן — גענוג אַ קוק דערלאַנגען אין חנאַ שמערוק'ס אַריינפיר צו "הנזיר והגדייה" (תשכ"ג), כדי צו הערן, אַז פרילינג אָדער זומער 1920, איז דער נסתר מיט זיין משפחה אַוועק פון קיעוו קיין מאָסקווע, און זיי האָבן אַ שטיקל צייט געוווינט, מיט מאַרק שאַגאַל, אין יידישן יתומים־הויז אין דעם נאָענטן מאַלאַכאָווקע,



און אז "בייגייסט" איז צוערשט געדרוקט געווען אין "שטראָם" (העפט 4, 1923) און איז געחתמעט: מאַלאַכאָווקע, זומער 1920. ווילן מיר דערצו באַמערקן, אַז עס וואָלט מסתמא געווען אַבסורדאַל אַנצונעמען, אַז דער אַנדערער, נייער משכן, האָט צו טאָן מיט הר הבית און זיין אַרום. מעגלעך, אַז צוליב דעם טראַנספּאָרטאַבעלן כאַראַקטער פונעם בית המקדש, ווערט דאָ פאַוואָר־צירט דער באַצייכן: משכן, און די טראַנספּאָרטאַבליטעט איז, כידוע, אַ שאַרפער מחלוקת־פּונקט, און דאָס אפילו, און אפשר בעיקר, אין די לעצטע דורות אין דער יידישער טעאָלאָגיע, און ווי אַרום די מעריב־אייראָפּעישע יידישע רעפאָרם־באַוועגונג און דער מזרח־אייראָפּעישער סאָציאַליזם האָבן זיך דאָ, ווי אויך אין אַנדערע פונקטן, באַגעגנט, איז אַ פּיקאַנט קאַפּיטל פאַר זיך.

## ט

אַבער, ווי עס טרעפט זיך אָפּט, קומט אַ בולטער פּרט און מאַכט א שטריך אין חשבון. עס איז דאָס בילד פון פוקס (אָדער שאַקאַל) אין דער חורבה, וואָס שלייכט זיך אריין אין "ביי־גייסט" דער וויזיע פון דער חופּה, ווען דאָס גאַנצע פאָלק יובלט צו דעם מלך, אונדזער מלך המשיח, און הייליקט זיך צום הייליקן מזרח. איז עס אַ זייער אַסאָציאַטיוו־באַלאַדן בילד — עס איז קאָמבינירט פון צוויי פּסוקים: א. כשועלים בחרבות נביאיך ישראל היו (יחזקאל י"ג, ד'), טייטש: אזוי ווי פוקסן (אָדער שאַקאַלן) אין די חורבות זענען דיינע נביאים געווען, ישראל; ב. על זה היה דוה לבנו על אלה חשכו עינינו / על הר ציון ששמם שועלים הילכו בו (איכה, ה', י"ז—י"ח), טייטש: אויף דעם האָט געש־מאַרצט אונדזער האַרץ, אויף די זענען פאַרפינצטערט געוואָרן אונדזערע אויגן, אויפן באַרג ציון, וואָס איז פאַרוויסט, פוקסן (אָדער שאַקאַלן) שלענדערן אויף אים. די אגדה לאָזט ר' עקיבא און זיינע חברים עולה זיין קיין ירושלים, און אַרויפגיין אויפן הר הצופים און, מחמת אבלות רייסן זיי קריעה, און ווען זיי זענען געקומען צום הר הבית, האָבן זיי געזען אַ פוקס (אָדער שאַקאַל), וואָס איז אַרויס פון קדשי־קדשים, האָבן זיי געוויינט און ר' עקיבא האָט געלאַכט; האָט ער זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי וויינען, האָבן זיי געענטפערט: דאָס אָרט, וואָס עס שטייט: 'והזר הקרב יומת' (במדבר א', נ"א), טייטש: און דער פרעמדער, וואָס וועט גענענען, וועט געטויט ווערן, שלענדערן דאָרט איצט ארום פוקסן (אָדער שאַקאלן), ווי אזוי זאָלן מיר נישט וויינען. האָבן זיי אים געפרעגט, פאַר־וואָס ער לאַכט, האָט ער געענטפערט: איך לאַך, ווייל עס שטייט: ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריה בן יברכיהו (ישעיה ח' ב'), טייטש: און איך וועל פאַר עדות נעמען צוויי געטרייע עדות, אוריה הכהן און זכריה בן יברכיהו, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי, איינער איז דאָך געווען ביים בית ראשון און דער אנדערער ביים בית שני, נייערט דער פסוק האָט ביידע נבואות צוזאַמענגעבונדן — הייסט עס דאָך לגבי אוריה: לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיים תהיה והר הבית לבמות עיר (איכה ג', י"ב), טייטש: דערפאַר, וועגן אייך וועט ציון ווי אַ פעלד פאַראַקערט ווערן און ירושלים וועט זיין אַ הויפן חורבה־שטיינער און דער הר הבית — וואַלד־הויכן; ביי זכריה ווייטער הייסט עס: עוד ישבו זקנים וזקנות בחוצות ירושלים (זכריה ח' ד'), טייטש: עס וועלן נאָך זיצן אַלטע מענער און פרויען אין די ירושלימער גאַסן; ביז עס איז ניט מקוים געוואָרן

אוריה״ס נבואה, האָב איך מורא געהאַט, אַז זכריה״ס נבואה וועט נישט מקוים ווערן. איצט, אַז עס איז מקוים געוואָרן אוריה״ס נבואה, איז וויסיגלעך, אַז זכריה״ס נבואה וועט מקוים ווערן. האָבן זיי אים געזאָגט אין דעם לשון: עקיבא נחמתנו, עקיבא נחמתנו, טייטש: עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט.

יאָ, מיר האָבן דאָס דערמאָנט לגבי דעם בילד פון דעם פיקסל אין ״ניי־גייסט״, אָבער דער עיקר כוונה דערביי איז צו פאַרצייכענען, אַז דאָס בילד קערט זיך ביי אים אום, און דאָס נאָך צוויי און צוואַנציק יאָר — אין זיין סקיצע ״האָס״, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין ״איניקייט״ (29 יוני, 1944), האָבן מיר אַ שמועס מיט אַ זעכצן־יאָריק ינגל, וועלכן ער רופט אָן שלמה אַליצקי, וואָס איז שוין ביי דרייצן יאָר געווען אַ פּאַרטיזאַן, און האָט זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל. עס איז נישט קיין אויסגעטראַכטע פיגור — דאָס יינגל האָט באמת געהייסן שלמה פּערלמוטער, און איז טאַקע געקומען צו אונדז אין לאַנד אריין און מיר האָבן אים דאָ געקענט — סיי ווי דער לעצטער סעקרעטאַר פון יעקב פּיכמאַן, סיי ווי אַ תלמיד אין ירושלימער אוניווערסיטעט, און חנא שמערוק, וואָס האָט די סקיצע, וועלכע איז פריער נישט אַריין אין בוך־טאָוולען, געבראַכט אין דעם דערמאָנטן אַריינפיר צו ״הנזיר והגדייה״, אַז ער האָט פון פּערלמוטער געהערט וועגן פאָן פון דעם נסתרס געזעגן־ווערטער, ווו מיר הערן: ״ויהי ביום ההוא — ווילט זיך דאָ נוצן דאָס פייערלעכע נביאים־וואָרט — וועלן מיר זיך זען צווישן די בוימער און אויפריכטער פון יענע חורבות אויף אונדזער באַרג, ווו פריער, ערשט־אַ, האָבן אומשפּאַצירט די שאַקאַלן; מיר זעען זיך טראָגן ליים און ציגל פאַרן פאָלקס־בנין, מיט וועלכן מיר וועלן זיך גרויסן, ווי אַלע מיט אַלע אויפגעריכטע בנינים...״

דאָס איז, ווי געזאָגט, געשריבן און געדרוקט אין דער מאָסקווער ״איניקייט״ דריי יאָר פאַרן דעם אויפקום פון מדינת־ישראל.

## פון אַלמאַנאַך צו אַלמאַנאַך

### לכבוד פּראָפעסאָר דב סדן

אין פּרעכטיקן זאַל פון וואַן־ליר איז אָנהייב יולי 1977, פאָרגעקומען אַ פייערלעכער אָוונט לכבוד פּראָפ׳ דב סדן צו זיין 75טן יאָר עד מאה ועשרים.

ס׳האָט זיך צוזאַמען געמען אַ שיינער עולם: חוץ די שטענדיקע באַזוכער פון דער ירושלימער יידישער קולטור־געזעלשאַפט זענען אויך געקומען אָפּמערקן דעם דאָזיקן קולטור יום־טוב יידישע און העברעישע פען־מענטשן, פּראָפעסאָרן פון ירושלימער העברעישן אוניווערסיטעט ווי אויך פילצאָליקע תלמידים פון אונדזער בעל יובל.

וועגן די גרויסע און חריפותדיקע אויפטוען פון דב סדן אין געביט פון שפּראַך־וויסנשאַפט און ליטעראַטור־פאָרשונג, וועגן זיינע צענדליקער ביכער סיי אין עברית, סיי אין יידיש האָבן אינטערעסאַנט גערעדט דער פאָרזיצער ד״ר גרשון וויינער און דער דעקאַן פון העברעישן אוניווערסיטעט פּראָפ׳ אברהם האַרמאַן. געניער האָט אנאַליזירט דב סדנס שעפערישן לעבנס־גאַנג דער יידישער דיכטער און פּראָפעסאָר פון תל־אביבער אוניווערסיטעט י. ח. בילעצקי. דער גרויסער עולם איז באַזונדערס באַווירקט געוואָרן פון דב סדנס שלוס־וואָרט, אַ וואָרט פול מיט חכמה, וויסן און פאָלקסטימלעכן הומאָר.



# בלוט הינטער די קוליסן...



קעניג ליר און זיין לץ
(מיכאָעלס און זוסקין) קינסטלער אַ. טישלער